Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראָשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 88 | Łódź, Wtorek, 12 kwietnia 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, ו' ניסן תרצ"ב | № 88

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# הילף פאר לאדזער אינדוסטריע

## רעגירונג האט נישט בדעה צו פיהרען א מאנאפאל-פאליטיק

### ערקלערונג פון האנדעלס-מיניסטער זאַרזשיצקי בעת זיין נעכטיגען בעזוך אין לאדז

דעם פאַרשטעהער פון „פּאַט" האָט דער האַנדעלס-מיניסטער זאַרזשיצקי וועלכער האָט נעכטען בעזוכט לאָדז, געגעבען פאָלגענדע ערקלערונגען:

אויב עס האַנדעלט זיך וועגען פינאַנסירען די אינדוסטריע דורך דער רעגירונג, מוז די רעגירונג זיין זעהר פאָרזיכטיג, נישט צו אַנגאַזשירען זיך דאָרט, וואו דאָס פאָדערט נישט די מלוכה-נויטווענדיגקייט. די רעגירונג טאָר נישט קוקען נאָר אויף זיין הויף, נאָר מוז אַרומנעהמען דאָס גאַנצעווירטשאַפטליכע לעבען. די אינדוסטריע מוז אַליין טראַכטען וועגען סאַנירען איהרע אינטערעסען דורך

### בעגרעניצען

ביז אַ מינימום, די אַדמיניסטראַציע-אויסגאַבען און אויך די אַלגעמיינע הוצאות, דאָס אָנפּערטרויען איבערספּרעסען נישט סאָלידע רעפּרעזענטאַנטען, מוז אויפהערען. עס מוז אויך פערשווינדען די צושטאַרק אויפגעשרויפטע פּערסאָנאַלע אויסגאַבען, וואָס זענען נישט צוגעפּאַסט צו דער איצטיגער סיטואַציע, די נאָך־מלחמה׳דיגע פערהעלטנישען, בפרט אין פוילען, זענען פולשטענדיג אַנדערש, ווי פאַר דער מלחמה. און צו די דאָזיגע פערהעלטנישען מוזען זיך די אינדוסטריעלער צופּאַסען.

### וואָס שייך לאדז, מוז אויפ׳ן ערשטען פּלאַן אויפהערען די ווילדע קאָנקורענץ

וואָס מוז אָפּטרעטען איהר אָרט דעם סאָלידען סוחר און זיכערע אָרגאַניזאַציאָנעלע גרופּען, אין די ראַהמען אין וועלכע עס דאַרף נישט זיין אויסגעשלאָסען אַ געזונדע קאָנקורענץ.

די איינדריקען, וואָס איך האָב בעקומען בעת׳ן בעזוכען די היגע אינדוסטריעלע אַנשטאַלטען, זענען אין אַלגעמיין נישט קיין שלעכטע. דער טעכנישער צושטאַנד איז אַ הויכער, אַ שאָד נאָר וואָס דער רוב אַרטיקלען זענען נישט קאָנקורענץ־פעהיג און קאָנען נישט געהען אויף עקספּאָרט אין גרעסערע צאָהלען.

### עס איז אונבעדינגט נויטיג פאַר אַזאַ אויסגעבויטע אינדוסטריע, זיך צו דערשלאָגען צו א בעדייטענדען אפּזאַץ אין אויסלאַנד.

אַ שטערונג אין דער היגזיכט זענען נישט נאָר די פינאַנציעלע בעדינגונגען, נאָר אויך, לײדער די צו קליינע איניציאַטיוו פון פוילישען האַנדעל. די דאָזיגע איניציאַטיוו איז נויטיג ביים דערגרייכען אונבעקאַנטע ביז איצט מערק.

מיט צופרידענהייט שטעל איך פעסט, אַז

### די לאדזער אינדוסטריעלער

פערשטעהען דאָס אויסגעצייכענט, אַז אַן אויסגאַנג פון דער שווערער סיטואַציע ליגט אין פערגרעסערען די אַקטיוויטעט פון האַנדעל.

אויב עס געהט וועגען האַנדעל, איז קלאָר, אַז די ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע קאָן זיך נישט בעגעהען אָהן אַ גוטען סוחר, וועלכער קאָן אַריינדרינגען מיט דער סחורה אין די פערוואָרפענסטע ווינקלען. פערשטעהט זיך, אַז דאָס מוז זיין אַ געזונדע האַנדעלס־פערמיטלונג.

### א געזונדע סוחרים׳שאַפט

איז שטענדיג געווען אַ הויכער פאַקטאָר פון דער קולטור פון לאַנד. מיר מוזען שטרעבען אויסצואַרבייטען אַ סוחרים־שטאַנד, וואָס זאָל שטעהען אויף דער געהעריגער הויך, ווייל דאָס האָט אונז שטענדיג געפעהלט. ביים איצטיגען מאָמענט קאָן נישט

(ווייטער זעה 3־טע זייט).

כשר לפסח

פריהער מאסקווע
איצט לאנדאן

דער גרעסטער
גענוס איז צו טרינקען
דעם
טעע
פון דער איבעראל-בעוואוסטער ־פירמע
וו. וויסאצקי און קאמפ.
הנוסדה ע"י קלונמוס זאב וויסאצקי ז"ל
וועלכע איז אנערקענט אלס די בעסטע אויפ׳ן מארק

פאקונג:
1 קילא און ½ קילא
פערפלאמבירטע
בלעך-שאכטלען

№ 75 און № 74

ספעציעלע ערפאלגן
האבען די סארטען

צו בעקומען איבעראל! ● אין אריגינעלע פערפאקונג באנדראלירט ● צו בעקומען איבעראל!

כשר לפסח
בהכשר של הרב מדאנציג ר' יעקב מאיר סגלוביץ
בן הרב הגאון ר' חיים זצ"ל מווילנא עם ועד הרבנים מווארשא.
כשר לפסח



ANGLAS
שאקאלאד
קאקאא

כשר לפסח
בהכשר של הרב בדאנציג ר' יעקב מאיר סגלוביץ
בן הרב הגאון ר' חיים זצ"ל מווילנא עם ועד הרבנים מווארשא.
כשר לפסח

Skład Konsygnacyjny:
SALOMON SEIDLER, Piłsudskiego 32
tel. 221-58 i 132-30.

